# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות......................7:58
מוצאי שב"ק.........................9:28

**שיעורים כסדרן**

נ"ך.......................... ירמיה מ-מא
בבלי..................... בבא בתרא לב
ירושלמי....................... פסחים ע
תוספתא....................... ערכין ב
רמב"ם.............. ביאת המקדש ד


פרשת פנחס, כ"א תמוז, אבות פרק א׳, שנת תשפ"ד לפ"ק

שנה 13, גליון 41 (659)


## אַ וָואוֹרְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיְהִי אַחֲרֵי הַמַּגֵּפָה וְגוֹ׳, שְׂאוּ אֶת רֹאשׁ כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, מֶען הַאלְט נָאךְ אַ פַּחַד פוּן אַ מַעֲשֶׂה, נָאכְדֶעם וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען לֵיידֶער אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים דוּרְךְ דִי עֵצָה פוּן בִּלְעָם, פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט אִידְן זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן מִיט אַ מַגֵיפָה, זָאגְט דֶער פָּסוּק, "וַיְהִי אַחֲרֵי הַמַּגֵּפָה", עֶס אִיז גֶעוֶוען נָאךְ דִי מַגֵיפָה, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט, "שְׂאוּ אֶת רֹאשׁ כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאל נָאכְאַמָאל צֵיילְן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אָנְהֵייבּ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר (א, א): "מִתּוֹךְ חִבָּתָן לְפָנָיו מוֹנֶה אוֹתָם כָּל שָׁעָה", יֶעדֶעס מָאל וָואס מֶען צֵיילְט דִי אִידְן אִיז עֶס אַ סִימָן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ דִי אִידְן; וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל יֶעצְט לִיבּ הָאבְּן דִי אִידְן, זֵיי הָאבְּן דָאךְ יֶעצְט גֶעזִינְדִיגְט?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו), בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע חִסָּרוֹן, מֶענְטְשְׁן רֶעדְן זִיךְ אָפּ "אִיךְ פַּארְגֶעס שְׁנֶעל", מֶען קוּקְט עֶס אָן וִוי אַ פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶּער אִין מַיינֶע אוֹיגְן אִיז שִׁכְחָה אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲלָה, וַוייל וֶוען עֶס וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שִׁכְחָה, דֶער מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעדֶענְקְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, וָואלְט עֶר מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וָואלְט נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְהֵייבְּן דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען, וַוייל 'אִיךְ וֵוייס דָאךְ וֶוער אִיךְ בִּין, אִיךְ וֵוייס דָאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, וִוי קֶען אִיךְ גֵיין דַאוֶונֶען? וִוי קֶען אִיךְ גֵיין לֶערְנֶען?' אָבֶּער אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַז אַ מֶענְטְשׁ פַּארְגֶעסְט וָואס אִיז גֶעוֶוען. קֶען עֶר אַלְץ אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי, 'אִיךְ גֵיי פוּן יֶעצְט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד', 'אִיךְ גֵיי פוּן יֶעצְט דַאוֶונֶען', 'אִיךְ גֵיי פוּן יֶעצְט לֶערְנֶען', 'אִיךְ גֵיי פוּן יֶעצְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן'.

רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט וַוייטֶער: בַּיים רֶבִּי'ן אִיז אַלְץ גֶעוֶוען דֶער סֵדֶר אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיז שׁוֹין דוּרְךְ אִיז שׁוֹין נִישְׁט גֶעוֶוען אִינְטֶערֶעסַאנְט, עֶר הָאט מֶער נִישְׁט גֶערֶעדְט פוּן דֶעם. דֶער עִיקָּר אִיז נָאר נוֹגֵעַ וָואס אִיז 'יֶעצְט', בִּכְלָל נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן וָואס אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר. עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעטוּן אוּן יֶענְץ גֶעטוּן. וָואס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען, אִיךְ הֵייבּ אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן יֶעצְט.

רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט דָארְט אַרוֹיס אַז דִי זַאךְ פוּן שִׁכְחָה, פַּארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר, אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצָה פַאר אַ אִיד צוּ קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דִי אַלֶע זַאכְן וָואס אַ מֶענְטְשׁ גֶעדֶענְקְט וָואס עֶר אִיז אַלְץ דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען, דָאס שְׁטֶערְט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין לֶעבְּן, וּבִפְרַט בַּיים דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען, אַלְץ קוּמְט אִים אַרַיין אִין מֹחַ אַז דָאס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גוּט, יֶענְץ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גוּט, דָא הָאט עֶר גֶעהַאט אַ דוּרְכְפַאל אִין זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן, דָארְט הָאט עֶר גֶעהַאט אַ דוּרְכְפַאל אִין אִידִישְׁקֵייט, אוּן דִי אַלֶע זַאכְן לָאזְט אִים נִישְׁט גֵיין וַוייטֶער, עֶס לָאזְט אִים נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, עֶס לָאזְט אִים נִישְׁט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְפַאר אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ צוּ פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, וִוי נָאר אִיךְ וִויל אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, טְרַאכְט אִיךְ נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיךְ נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען, אִיךְ פַארְגֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, אִיךְ הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי, אִיךְ גֵיי וֶוערְן פוּן יֶעצְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ גֵיי יֶעצְט דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן אַזוֹי קֶען מֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס זָאגְט אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וִוי נָאר מֶען הַאלְט שׁוֹין "וַיְהִי אַחֲרֵי הַמַּגֵּפָה", דִי מַגֵיפָה אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער, הָאבְּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, מֶען הָאט פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, מֶען גֵייט פוּן יֶעצְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן "שְׂאוּ אֶת רֹאשׁ כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", אִיךְ וִויל מֶען זָאל צֵיילְן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן וִוי רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צֵיילְט דִי אִידְן וַוייל עֶר הָאט זֵיי זֵייעֶר שְׁטַארְק לִיבּ.

דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט אַלְץ פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ מִיט'ן עָבַר, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (מְגִילָּה י:): "כָּל מָקוֹם שֶׁנֶּאֱמַר וַיְהִי, אֵינוֹ אֶלָּא לָשׁוֹן צַעַר", אִיבֶּערָאל וואוּ עֶס שְׁטֵייט דָאס וָוארְט 'וַיְהִי' - 'עֶס אִיז גֶעוֶוען', אִיז דָאס אַ לָשׁוֹן צַעַר, אוּן 'וְהָיָה' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן שִׂמְחָה. מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר זֵייעֶר פָּשׁוּט, אַז מֶען קוּקְט וָואס אִיז גֶעוֶוען, אִיז עֶס אַ לָשׁוֹן צַעַר, דֶער מֶענְטְשׁ עֶסְט זִיךְ אוֹיף מִיט זַיין פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, 'אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט אוֹיסְגֶענוּצְט דִי צַייט', 'אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן', וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז עֶר אִיז אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צָרוֹת אִין לֶעבְּן - הָאט מֶען דֶערְפוּן גְרוֹיס צַעַר, אָבֶּער 'וְהָיָה' - אַז מֶען קוּקְט אוֹיף וַוייטֶער, מֶען טְרַאכְט: עֶס גֵייט זַיין גוּט, אִיךְ גֵיי לֶערְנֶען, אִיךְ גֵיי דַאוֶונֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מִיר זִיכֶער הֶעלְפְן, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען, - אִיז עֶס אַ לָשׁוֹן שִׂמְחָה, מֶען וֶוערְט פְרֵיילִיךְ. אוֹיבּ הָאבּ אִיךְ אַ צָרָה, אִיךְ דַארְף אַ רְפוּאָה וְכַדוֹמֶה, וֶועל אִיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר הֶעלְפְן. מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶע תְּפִילָּה וָואס אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט, מֶען קֶען אַלֶעס אִיבֶּער דְרֵייעֶן מִיט תְּפִלָּה צוּם גוּטְן, 'אֵיי, אֶפְשָׁר אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר וַוייל אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל פּוֹגֵם גֶעוֶוען?', אוֹיף דֶעם שְׁטֵייט אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה: "וַיְהִי אַחֲרֵי הַמַּגֵּפָה", אַז מֶען וִויל זַיין גוּט, קֶען מֶען צֵיילְן דִי אִידְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ. (אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, פִּנְחָס תשפ"ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### דִי דְרֵיי וָואכְן

מִיר טְרֶעטְן יֶעצְט אַרַיין אִין דִי טֶעג פוּן "בֵּין הַמְּצָרִים" - דִי דְרֵיי וָואכְן צְוִוישְׁן שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז אוּן תִּשְׁעָה בְּאָב; מֶענְטְשְׁן בַּאטְרַאכְטְן דִי צַייט אַלְס טְרוֹיעֶרִיגֶע מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיגֶע טֶעג, עֶס זֶעט עֶפֶּעס אוֹיס וִוי גֶעפַאלֶענֶע נִידֶערִיגֶע טֶעג, וֶוען מֶען אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען דֶעמָאלְט נִישְׁט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעהֶערִיג. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי. נָאר פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, דִי טֶעג זֶענֶען גְרוֹיסֶע טֶעג, וָואס זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָּל נָאנְט צוּ וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ מֶער אוּן גְרִינְגֶער פוּן אַ גַאנְץ יָאר.

מֶען הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, אַז עֶרְלִיכֶע אִידְן פְלֶעגְן זָאגְן אַז אִין דִי טֶעג פוּן בֵּין הַמְּצָרִים פַאלְן זֵיי פוּן זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת. הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, פַארְקֶערְט, דִי טֶעג קֶען מֶען גְרִינְגֶער שְׁטֵייגְן, אוּן וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט בַּיי אַ קֶענִיג אַז וֶוען עֶר אִיז אִין זַיין פַּאלַאץ אִיז שְׁוֶוער צוּ צוּקוּמֶען צוּ אִים, אָבֶּער וֶוען עֶר אִיז אוֹיפְ'ן וֶועג, אוֹיפְ'ן גַאס, אִיז אַ סַךְ

<<<<<<

## א גוט ווארט

טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד אוּן אַז דוּ טוּסְט אָן תְּפִלִּין; וָואס דַארְף מֶען מֶער פוּן דֶעם? וָואס אִיז נָאךְ דָא צוּ זַיין צֶעבְּרָאכְן?

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד אִין דִי אַכְצִיגֶער יָארְן אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם צַדִּיק הָרַב הַקָּדוֹשׁ רַבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן גֶעוֵויינְט: "רֶבִּי, עֶס אִיז מִיר נִמְאָס דָאס לֶעבְּן אִיךְ וִויל שְׁטַארְבְּן!" הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער גֶעזָאגְט: "בִּיסְט אַ גְרוֹיסֶער טִיפֵּשׁ פַארְן זָאגְן אַזוֹי, וַוייל עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ לֶעבְּן אַכְצִיג יָאר אַבִּי צוּ לֵייגְן תְּפִלִּין אֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן, אוּן דוּ ווִילְסְט שְׁטַארְבְּן?"

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פִּנְחָס תשפ"ד)

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# וֶוער אִיז אַ גוּטֶער חַבֵר?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ    יוֹם ד' פָּרָשַׁת פִּנְחָס, כ"א תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ח

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

גֶעב אַכְטוּנְג מִיט וֶועם דוּ דְרֵייסְט זִיךְ, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט זֵייעֶר נִשְׁפַּע פוּן אַ חַבֵר; אַ חַבֵר קֶען אַרוֹיף בְּרֶענְגֶען אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אוּן פַּארְקֶערְט אוֹיךְ חַס וְשָׁלוֹם – אַז מֶען דְרֵיידְט זִיךְ מִיט נִישְׁט גוּטֶע מֶענְטְשְׁן וֶוערְט מֶען נִשְׁפַּע פוּן זֵיי. זָאל מֶען זַיין דֶער גְרֶעסְטֶער צַדִיק, אוֹיב מֶען דְרֵיידְט זִיךְ מִיט שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וֶוערְט מֶען אַזוֹי וִוי זֵיי.

דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט בַּיי דִי סִימָנִים פוּן כָּשֵׁר'ע אוּן טָמֵא'נֶע עוֹפוֹת (פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת, הֲלָכָה כ): "וְכָל הַשּׁוֹכֵן עִם הַטְמֵאִים וְנִדְמֶה לָהֶן, הֲרֵי זֶה טָמֵא", דִי פֵייגְלֶעךְ וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ מִיט עוֹפוֹת טְמֵאִים זֶענֶען אַלֵיינְס טָמֵא'נֶע עוֹפוֹת; אַזוֹי וִוי דִי וֶועלְט זָאגְט: "וַוייז מִיר דַיין חַבֵר וֶועל אִיךְ שׁוֹין וִויסְן וֶוער דוּ בִּיסְט".

בִּכְלַל דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי 'חֲבֵרִים'; מֶענְטְשְׁן טוּעֶן אַלֶעס פַאר זֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, מֶען פַארְבְּרֶענְגְט טֶעג אוּן נֶעכְט מִיט חֲבֵרִים, אָבֶער שְׁפֶּעטֶער וֶועלְן דִי חֲבֵרִים זַיין דִי עֶרְשְׁטֶע זֵיי צוּ בַּאגְרָאבְן; אַ חַבֵר אִיז נָאר דֶער וָואס אִיז מְחַזֵק דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיר גֶעפִינֶען בַּיי דָוִד הַמֶלֶךְ (שְׁמוּאֵל-ב טז, טז): "חוּשַׁי הָאַרְכִּי רֵעֶה דָוִד", חוּשַׁי הָאַרְכִּי אִיז גֶעוֶוען דֶער חַבֵר פוּן דָוִד, זָאגְט רַשִׁ"י (דִבְרֵי הַיָמִים-א כז, לג): "כְּשֶׁחָטָא דָוִד בְּבַת שֶׁבַע", וֶוען דָוִד הַמֶלֶךְ אִיז אַרִיבֶּער דִי מַעֲשֶׂה פוּן בַּת שֶׁבַע, "שָׁאַל לְחוּשַׁי הָאַרְכִּי", הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט פוּן חוּשַׁי הָאַרְכִּי, "אִם יָשׁוּב בִּתְשׁוּבָה, אִם יְקַבְּלֵהוּ הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּתְשׁוּבָה לָתֵת לוֹ אֲרוּכָה לְחֶטְאוֹ", צוּ עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן אוֹיב דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אָנֶעמֶען זַיין תְּשׁוּבָה, "וְאָמַר לוֹ כֵּן", הָאט אִים חוּשַׁי הָאַרְכִּי גֶעזָאגְט עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן; 'דָאס אִיז אַ חַבֵר!' דֶערִיבֶּער וֶוערְט עֶר אָנְגֶערוּפְן "רֵעֶה הַמֶלֶךְ" – דָוִד הַמֶלֶךְ'ס חַבֵר, וַוייל אַ חַבֵר אִיז דֶער וָואס אִיז מְחַזֵק צוּ תְּשׁוּבָה טוּן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר מַיין טֵייעֶרֶער תַּלְמִיד ..., גֶעב אַכְטוּנְג מִיט וֶועם דוּ דְרֵייסְט זִיךְ; זֶע זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן מִיט עֶרְלִיכֶע אִידְן, מִיט חֲבֵרִים וָואס וֶועלְן דִיר מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אַזוֹי וֶועסְטוּ אָנְהֵייבְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען. אַנְטְלוֹיף פוּן חֲבֵרִים וָואס מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן לָאז דִיךְ אָפּ פוּן חֲבֵרִים וָואס קִילְן אָפּ דַיין אִידִישְׁקֵייט. בַּיי עֲמָלֵק שְׁטֵייט (דְבָרִים כה, יח): "אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶרֶךְ", טַייטְשְׁן דִי צַדִיקִים, אַז עֲמָלֵק קִילְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

זַיי נִישְׁט קְלוּגֶער פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן; מַאךְ זִיךְ אַלֵיינְס אַ חֶשְׁבּוֹן צוּ אַ טֶעלֶעפָאן וָואס אִיז אָפְן צוּ דִי וֶועלְט בְּרֶענְגְט דִיר יִרְאַת שָׁמַיִם אָדֶער עֶס נֶעמְט אַרוֹיס פוּן דִיר יֶעדֶעס בְּרֶעקֶעלֶע יִרְאַת שָׁמַיִם, דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַלֵיינְס דֶעם אֱמֶת – אַז דָאס אִיז נִישְׁט גוּט.

יֶעדֶעס מָאל מֶען קוּקְט אוֹיף עֲבֵירוֹת וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעקִילְט פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מֶען פַארְלִירְט דֶעם גֶעפִיל צוּ תּוֹרָה תְּפִילָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נ): "כָּל הַפּוֹגֵם בַּבְּרִית", דֶער וָואס אִיז פּוֹגֵם בַּבְּרִית, "אֵין יָכוֹל לְהִתְפַּלֵל", קֶען נִישְׁט דַאוֶונֶען. מֶען שְׁפִּירְט אַ בִּיטֶערֶע טַעַם אִין דַאוֶונֶען אוּן דָאס דַאוֶונֶען הָאט בַּיי אִים אַ טַעַם פוּן "מַיִין מְרִירִין" – בִּיטֶערֶע וַואסֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שְׁמוֹת טו, כג): "וְלֹא יָכְלוּ לִשְׁתּוֹת מַיִם מִמָּרָה", דִי אִידְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרִינְקֶען דִי וַואסֶער פוּן מָרָה, "כִּי מָרִים הֵם", וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיטֶער; בִּפְשְׁטוּת מֵיינְט דֶער פָּסוּק צוּ זָאגְן אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרִינְקֶען דִי וַואסֶער וַוייל דָאס וַואסֶער אִיז גֶעוֶוען בִּיטֶער, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, "כִּי מָרִים הֵם", זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרִינְקֶען דִי וַואסֶער וַוייל "זֵיי" זֶענֶען גֶעוֶוען פוּל מִיט קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַז מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן אוּן מֶען קוּקְט שְׁמוּצִיגֶע קְלִיפּוֹת, מֶען לִיגְט אִין נִיאוּף, פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס! סַיי רוּחְנִיוּת אוּן סַיי גַשְׁמִיוּת, מֶען לָאזְט אָפּ דִי תּוֹרָה אוּן מֶען לָאזְט אָפּ דָאס דַאוֶונֶען.

בְּרֶענְג נִישְׁט אַהֵיים קֵיין שׁוּם כְּלִי וָואס מֶען קֶען זִיךְ מְחַבֵּר זַיין דוּרְכְדֶעם צוּ אִינְטֶערְנֶעט; טוּ עֶס פַאר דִיר, "וְאִם אֵין אַתָּה יוֹצֵא בְּגִינִי, צֵא בְּגִין אִשְׁתְּךָ", אוּן אַז דוּ ווִילְסְט עֶס נִישְׁט אַרוֹיס טְרָאגְן וֶועגְן דִיר טְרָאג עֶס אַרוֹיס וֶועגְן דַיין וַוייבּ, זִי זָאל הָאבְּן אַ מַאן, "וְאִם אֵין אַתָּה יוֹצֵא בְּגִין אִשְׁתְּךָ, צֵא בְּגִין בָּנֶיךָ", אוּן אַז עֶס גֵייט דִיר נִישְׁט אָן דַיין וַוייבּ, טוּ עֶס כָאטְשׁ פַאר דַיינֶע קִינְדֶער; וַוייז פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אַ דוּגְמָא וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זַיין אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ, דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זֶען אַ בֵּיישְׁפִּיל פוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, זִיץ נִישְׁט מִיט דַיין טֶעלֶעפָאן טָאג אוּן נַאכְט.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ בַּאהֶעפְטְן מִיט עֶרְלִיכֶע אִידְן, וֶועט דִיר גוּט זַיין בָּזֶה וּבַבָּא.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פִּנְחָס תשע"ח)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

גְרִינְגֶער צוּ קוּמֶען צוּ אִים. דִי זֶעלְבֶּע יֶעצְט - "בֵּין הַמְצָרִים" - וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז כִּבְיָכוֹל אִין גָלוּת, אִיז עֶר נָאךְ מֶער נֶענְטֶער צוּ אוּנְז, אוּן מִיר קֶענֶען נָאךְ גְרִינְגֶער אוּן שְׁנֶעלֶער צוּ קוּמֶען צוּ אִים, אוּן צוּ רֶעדְן צוּ אִים.

דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג, דָאס אִיז דִי גִימַטְרִיָּא פוּנֶעם שֵׁם אקי"ה, וָואס דֶער שֵׁם וַוייזְט אַז אֲפִילוּ בִּיז יֶעצְט אִיז מֶען נִישְׁט גֶעוֶוען וואוֹיל, קֶען מֶען 'פוּן יֶעצְט' אָנְהֵייבְן צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') אַז דֶער שֵׁם וַוייזְט "אֲנָא זָמִין לְמֶהֱוֵי", וָואס דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גוּט בִּיז יֶעצְט, הֵייבְּט מֶען אָן פוּן יֶעצְט צוּ זַיין גוּט.

אַ טֵייעֶרֶע אוֹצָר לָאזְט מֶען נִישְׁט אָפְן אוּן הֶפְקֵר, מֶען נֶעמְט עֶס אַרוּם אוּן מֶען פַארְזִיגְלְט עֶס מִיט אַסַאךְ שְׁלֶעסֶער, כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם נִישְׁט רִיכְטִיגְן מֶענְטְשׁ, וָואס דַארְף עֶס נִישְׁט בַּאקוּמֶען. דִי זֶעלְבֶּע אִיז יֶעצְט, אַזוֹי וִוי דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען אַזֶעלְכֶע גֶעהוֹיבֶּענֶע טֶעג, אַזֶעלְכֶע טֶעג וָואס פַארְמָאגְן אִין זִיךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע אוֹצָר, אַז מֶען קֶען גְרִינְגֶערְהֵייט וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאט עֶס דֶער יֵצֶר הָרַע אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אַזֶעלְכֶע שְׁלֶעסֶער פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אַז מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען צוּ קוּמֶען דֶערְצוּ. אָבֶער וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל, לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי אַלֶע דִמְיוֹנוֹת, נָאר עֶר נִיצְט אוֹיס דִי צַייט מִיט אַ סַךְ תְּפִלָה, עֶר בֶּעהְט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט עֶר גְרִינְגֶערְהֵייט צוּקוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע זַאכְן.

דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים בְּרֶענְגֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי"ע (עֲבוֹדַת יִשְׂרָאֵל, מַסְעֵי) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (אֵיכָה א', ג') כָּל רֹדְפֶיהָ הִשִּׂיגוּהָ בֵּין הַמְּצָרִים. "כָּל רוֹדֵף - קָהּ", וֶוער עֶס לוֹיפְט נָאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "הִשִׂיגוּהָ", קֶען אִים דֶערְגְרֵייכְן. "בֵּין הַמְצָרִים", דַוְקָא אִין דִי טֶעג פוּן "בֵּין הַמְצָרִים".

דִי שַׁבָּתִים פוּן דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל גָאר גְרוֹיס, וָואס אִיז נִישְׁטָא זֵייעֶר גְלַייכְן אִיבֶּערְן יָאר. דִי דְרֵיי שַׁבָּתִים זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי דְרֵיי יָמִים טוֹבִים, דֶער עֶרְשְׁטֶער שַׁבָּת אִיז קֶעגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, דֶער צְוֵוייטֶער שַׁבָּת אִיז קֶעגְן שָׁבוּעוֹת, אוּן פַּרְשַׁת דְבָרִים - שַׁבָּת חֲזוֹן אִיז קֶעגְן סוּכּוֹת. אוּן דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי סְפֶּעצִיעֶלֶע חָשׁוּבֶע שַׁבָּתִים, אוּן שַׁבָּת חֲזוֹן אִיז גָאר דִי גְרֶעסְטֶע שַׁבָּת פוּן יָאר, דֶער נָאמֶען "חֲזוֹן" גֵייט אַרוֹיף אוֹיף נְבוּאָה, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה א', א') "חֲזוֹן יְשַׁעְיָהוּ". צַדִיקִים זֶענֶען זוֹכֶה צוּ זֶען אִין דֶעם שַׁבָּת, דֶעם דְרִיטְן בֵּית הַמִקְדָשׁ, וָואס וֶועט אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט וֶוערְן בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ.

### פוּן בִּיטֶער וֶוערְט זִיס

דֶער פָּסוּק זָאגְט אַז יִרְמְיָה הַנָבִיא הָאט נְבִיאוֹת גֶעזָאגְט אוֹיף דִי חוּרְבָּן פוּנֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ "מַקֵל שָׁקֵד אֲנִי רֹאֶה" (יִרְמְיָה א', י"א). זָאגְט רַשִׁ"י אַז אַזוֹי וִוי דֶער "מַקֵל שָׁקֵד" - דֶער מַאנְדְל-בּוֹים, פוּן וֶוען עֶס קוּמְט אַרוֹיס דִי בְּלוּם בִּיז עֶס וַואקְסְט אַרוֹיס דִי פְרוּכְט נֶעמְט אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג, אַזוֹי אוֹיךְ פוּן וֶוען דִי גוֹיִם הָאבְּן צוּבְּרָאכְן דִי מוֹיעֶר פוּן שְׁטָאט, בִּיז וֶוען זֵיי הָאבְּן חָרוּב גֶעמַאכְט דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ הָאט גֶענוּמֶען אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג.

מֶען דַארְף אָבֶער וִויסְן אַז דֶער מַאנְדְל הָאט אוֹיךְ אַן אַנְדֶערֶע אֵייגְנְשַׁאפְט. חֲזַ"ל זָאגְן (מַעַשְׂרוֹת פֶּרֶק א') אַז דֶער מַאנְדְל אִיז קוֹדֶם בִּיטֶער אוּן דֶערְנָאךְ וֶוערְט עֶס זִיס. אוּן דֶערִיבֶּער, אַזוֹי וִוי דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְן צוּ מַאנְדְלֶען, אִיז יֶעצְט דִי צַייט וָואס מֶען קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן אַז פוּן בִּיטֶער זָאל וֶוערְן זִיס. וָואס דָאס אִיז בֶּאֱמֶת דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, אַזוֹי וִוי דֶער זֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָמַת בְּרֵאשִׁית ד.) "וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן טוּנְקְל זָאל וֶוערְן לִיכְטִיג אוּן פוּן בִּיטֶער זָאל וֶוערְן זִיס?"

דָאס מֵיינְט, אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אַ

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

מֶענְטְשׁ צָרוֹת און יִסוּרִים און שְׁוֶועריקֵייטְן, עֶס אִיז אִים זֵייעֶר בִּיטֶער דָאס לֶעבְּן, עֶס אִיז אִים מַמָשׁ טוּנְקְל פַאר דִי אוֹיגְן. וֶוען מֶען וֵוייסְט אָבֶּער אַז דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט גֶעשֶׁען פוּן זִיךְ אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס גֶעמַאכְט מִיטְ'ן צִיל אוֹיף צוּ וֶועקְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, און דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט און עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, דַאן הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט און גֶעמַאכְט פוּן בִּיטֶער זִיס, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן, און עֶר וֶועט אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען און צָרוֹת.

### נִישְׁט מִיט עַצְבוּת

דִי אַלֶע הֲלָכוֹת און דִינִים וָואס מִיר דַארְפְן זִיךְ צוּ פִירְן מִיט אֲבֵילוּת אִין דִי טֶעג פוּן בֵּין הַמְצָרִים, מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען דַארְף זַיין טְרוֹיעֶרִיג, בְּעַצְבוּת און צוּקְלַאפְּט. נָאר מֶען דַארְף עֶס טוּן מִיט אַן הִשְׁתּוֹקְקוּת אִין הַאַרְץ, אַז מִיר בֶּענְקְן שׁוֹין און מִיר זֶענֶען מִשְׁתּוֹקֵק אַז מֶען זָאל שׁוֹין אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ, און מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן דֶערְפוּן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי וֶועג וָואס אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט, פוּן אֵיין זַייט הָאבְּן זֵיי אִין הַארְצְן גֶעטְרוֹיעֶרְט אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, אָבֶּער אוֹיפְ'ן פָּנִים הָאבְּן זֵיי אֵייבִּיג גֶעהַאט אַ שְׁמֵייכְל, און מְקַבֵּל גֶעוֶוען יֶעדְן מֶענְטְשׁ בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת, און אַזוֹי הָאבְּן זֵיי מְקָרֵב גֶעוֶוען יֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי"ע הָאט גֶעוָואלְט נָאכְקוּקְן און זֶען וָואס דֶער דֶרֶךְ הַחֲסִידוּת אִיז, הָאט עֶר גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא אוֹיף זֵיי "פַארְוָואס זֶענֶען דִי חֲסִידִים אֵייבִּיג פְרֵיילִיךְ? עֶס אִיז דָאךְ אַ קְלָארֶע הֲלָכָה אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַז אַ יְרֵא שָׁמַיִם דַארְף טְרוֹיעֶרְן און זִיךְ מְצַעֵר זַיין אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, וִוי אַזוֹי קֶענֶען דִי חֲסִידִים זַיין אֵייבִּיג אַזוֹי פְרֵיילִיךְ?"

וֶוען דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי"ע אִיז גֶעפָארְן צוּ זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה זי"ע הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן וֶועג, "בַּאשֶׁעפֶער, דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז אִיךְ וִויל נִישְׁט הָאבְּן קֵיין קֻשְׁיוֹת, הֶעלְף אַז וֶוען אִיךְ קוּם צוּם צַדִיק זָאל מִיר פַארֶענְטְפֶערְט וֶוערְן אַלֶע מַיינֶע קַשְׁיוֹת. חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ (יוֹמָא ל"ח:) 'הַבָּא לִטָהֵר מְסַיְעִין אוֹתוֹ' - וֶוען אֵיינֶער ווִיל זִיךְ הֵיילִיגְן, הֶעלְפְט מֶען אִים פוּן הִימְל. אָבֶּער עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אַ לָשׁוֹן יָחִיד 'מְסַיֵעַ אוֹתוֹ', וָואס דַאן וָואלְט עֶס גֶעמֵיינְט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ 'מְסַיְעִין אוֹתוֹ' אַ לָשׁוֹן רַבִּים, דָאס מֵיינְט אַז דִי צַדִיקִים הֶעלְפְן אוֹיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ. און דֶערְפַאר - הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער - אַז דֶער צַדִיק זָאל מִיר הֶעלְפְן אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע מַיינֶע קֻשְׁיוֹת".

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה זי"ע, וִוי נָאר עֶר הָאט אַרַיין גֶעטְרֶעטְן אִין צִימֶער, הָאט אִים דֶער צַדִיק גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס זֶעסְטוּ אוֹיס אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג הַיינְט? עֶס שְׁטֵייט טַאקֶע אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַז אַ יְרֵא שָׁמַיִם דַארְף טְרוֹיעֶרְן און זִיךְ מְצַעֵר זַיין אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, אָבֶּער דָאס מֵיינְט נָאר אִין הַארְץ, אוֹיפְ'ן פָּנִים דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן אַ שְׁמֵייכְל", און דֶער צַדִיק הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען, "גְלֵייבּ מִיר, אַז מִיר זָאגְן אוֹיךְ יֶעדֶע נַאכְט תִּיקוּן חֲצוֹת און מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, אָבֶּער פוּן דֶעסְט וֶועגְן זֶענֶען מִיר נָאךְ אַלְץ פְרֵיילִיךְ".

דֶער צַדִיק הָאט אִים דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען מִיט אַ מָשָׁל פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי שְׁמֶעלְקֶע נִיקְלְשְׁבּוּרְגֶער זי"ע, אַזוֹי וִוי אַ קֶענִיג וָואס אִיז פַארְכַאפְּט גֶעוָוארְן אִין אַ וַוייטֶע לַאנְד און עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט זִיךְ אָפְּרוּעֶן דָארְט בַּיי זַיינְ'ס אַ פְרַיינְד, וֶוען דֶער פְרַיינְד הָאט גֶעזֶען אַז דֶער קֶענִיג אִיז דָארְט אִין גֶעפֶענְגֶענִישׁ, הָאט עֶר זֵייעֶר גֶעוֵויינְט און זִיךְ מְצַעֵר גֶעוֶוען, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר אוֹיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז דֶער קֶענִיג שְׁטֵייט אַיין בַּיי אִים. דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ יֶעצְט, אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען טַאקֶע אִין גָלוּת, דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז טַאקֶע חָרוּב, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ מִיט אוּנְז, און מִיר זֶענֶען זֵייעֶר נָאנְט צוּ אִים, און מִיט דֶעם קֶענֶען מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

און דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט, "בֶּאֱמֶת וָואלְט אִיךְ דִיר דָאס נִישְׁט גֶעדַארְפְט אוֹיסְזָאגְן, אָבֶּער אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ 'הַבָּא לִטָהֵר מְסַיְעִין אוֹתוֹ', מִיט אַ לָשׁוֹן רַבִּים, מֵיינְט דָאס אַז דִי צַדִיקִים דַארְפְן אוֹיךְ אַרוֹיס הֶעלְפְן און מְקָרֵב זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ דִיר דָאס גֶעזָאגְט"...

דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה אִיז נִבְהָל וְנִשְׁתּוֹמֵם גֶעוָוארְן פוּן דִי קְלָארֶע רוּחַ הַקוֹדֶשׁ פוּנֶעם הֵיילִיגְן חוֹזֶה וָואס הָאט גֶעזֶען אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט, און פוּן דֶעמָאלְט אִיז עֶר נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּ אִים, און גֶעוָוארְן פוּן זַיינֶע גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער עִיקָר אֲבֵילוּת דַארְף מֶען הָאבְּן אִין הַארְץ, אָבֶּער פוּן אִינְדְרוֹיסְן דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן. אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף דוּרְךְ צָרוֹת און יִסוּרִים, זָאל עֶר נָאר צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און זִיךְ הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ, און פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּנִיצְן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ בֵּין הַמְצָרִים)

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# וֶוען וֶועט שׁוֹין מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ קוּמֶען?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אֵיךְ הָאבּ אַסַאךְ שְׁאֵלוֹת צוּ פְרֶעגְן, אָבֶּער מֶער פוּן אַלֶעם הָאבּ אִיךְ אֵיין גְרוֹיסֶע שְׁאֵלָה; וִוי לַאנְג נָאךְ וֶועלְן מִיר זִיךְ מוּטְשֶׁען אֵין דֶעם בִּיטֶערְן שְׁוֶוערְן רוּחְנִיוּת'דִיגְן גָלוּת? וֶוען קוּמְט שׁוֹין מָשִׁיחַ און עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין וּמָלְאָה הָאָרֶץ דֵעָה אֶת ה'?

עֶס וֶוערְט שְׁוֶוערֶער און שְׁוֶוערֶער צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דִי דוֹרוֹת פַאלְן מִיט אַזַא שְׁנֶעלֶע טֶעמְפָּא, אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן וִוי פְלִיגְן, נִישְׁט אוּמְזִיסְט הָאט רֶבִּי יוֹחָנָן גֶעזָאגְט "יֵיתֵי וְלֹא אַחֲמִינֵהּ", עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מִיטְהַאלְטְן דִי בִּיאַת הַמָשִׁיחַ וַוייל עֶר הָאט גֶעוואוּסְט וִוי שְׁלֶעכְט דֶער דוֹר וֶועט דֶעמָאלְט אוֹיסְזֶען.

מֶען רֶעדְט אַזוֹיפִיל פוּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, פַארְוָואס זָאל מֶען אָבֶּער נִישְׁט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי וֶועלְט אִידְן זָאלְן אַיינְרַייסְן אַז מָשִׁיחַ זָאל שׁוֹין קוּמֶען, וָואס דֶעמָאלְט וֶועט מֶען שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶעס.

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ** – יוֹם ה' פָּרָשַׁת פִּנְחָס, כ"ב תַּמוּז, תשע"ט

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוער רֶעדְט נִישְׁט פוּן בִּיאַת מָשִׁיחַ? אַלֶעס וָואס מִיר רֶעדְן און מִיר טוּעֶן אִיז נָאר כְּדֵי מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן גָלוּת.

אַז דוּ ווִילְסְט טוּן עֶפֶּעס פַאר בִּיאַת מָשִׁיחַ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת וֶועסְטוּ מְקָרֵב זַיין דִי גְאוּלָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִקְרָא רַבָּה ז, ג): "אֵין כָּל הַגָּלֻיוֹת הַלָלוּ מִתְכַּנְסוֹת אֶלָא בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת", מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען נָאר בִּזְכוּת וָואס מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת; און דֶער הֵיילִיגֶער בְּנֵי יִשָּׂשְׂכָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (חוֹדֶשׁ תַּמוּז אָב - מַאֲמָרֵי חָדְשֵׁי תַּמוּז אָב, מַאֲמָר ב): "סַךְ כָּל הַשָּׁעוֹת מִן הכ"ב יָמִים הֵם תקכ"ח", דִי שָׁעוֹת פוּן דִי דְרֵיי וָואכְן אִיז סַךְ הַכֹּל פִינְף הוּנְדֶערְט אַכְט און צְוָאנְצִיג, "עַל כֵּן יֵשׁ בְּמִשְׁנָיוֹת תקכ"ח פְּרָקִים מִנְיָן מפת"ח", דֶערְפַאר אִיז דָא אִין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה פִינְף הוּנְדֶערְט אַכְט און צְוָאנְצִיג פְּרָקִים, "כְּמִנְיַן מַפְתֵּחַ הַגְאוּלָה", וַוייל דָאס אִיז דֶער שְׁלִיסְל מִיר זָאלְן דוּרְכְדֶעם אַרוֹיס גֵיין פוּן גָלוּת, וָואס דָאס אִיז קֶעגְן דִי פִינְף הוּנְדֶערְט אַכְט און צְוָאנְצִיג שָׁעָה פוּן דִי דְרֵיי וָואכְן וָואס מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְן חֻרְבַּן בֵּית הַמִקְדָשׁ. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִקְרָא רַבָּה ז, ג): "אֵין כָּל הַגָּלֻיוֹת הַלָלוּ מִתְכַּנְסוֹת אֶלָא בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת", מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען נָאר אִינֶעם זְכוּת פוּן דִי וָואס לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, "וּכְשֶׁמְדַבְּרִין וְשׁוֹנִין בְּמוֹ פִּינוּ הַתּוֹרָה

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

שֶׁבְּעַל פֶּה, אֲזַי נִפְתַּח הַסָּתוּם", און וֶוען מֶען חַזֶר'ט מִשְׁנַיוֹת וֶוערְט גֶעעֶפְנְט דִי פַּארְמַאכְטְקֵייט פון אוּנְזֶער גָּלוּת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (הוֹשֵׁעַ ח, י): "גַּם כִּי יִתְנוּ בַגּוֹיִם עַתָּה אֲקַבְּצֵם', לָשׁוֹן מַתְנִיתִין", 'יִתְנוּ' אִיז אַ לָשׁוֹן פון מִשְׁנַיוֹת, אַז מֶען וֶועט לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אִין גָּלוּת, "עַתָּה אֲקַבְּצֵם", וֶועט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיסְלֵייזְן; זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאפְלַייסְן אִין לִימוּד מִשְׁנַיוֹת וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין בְּרֶענְגֶען דִי גְּאוּלָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ יֶעדְן טָאג מִתְבּוֹדֵד זַיין; הֵייבּ אָן שׁוֹין לֶעבְּן מִיט דֶעם לִימוּד וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דֶעם לִימוּד פון הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א, סִימָן ב): "עִקַּר כְּלֵי זֵינוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ הוּא הַתְּפִלָּה", מָשִׁיחַ'ס גֶעוֶוער וֶועט זַיין תְּפִילָה, "וְכָל מִלְחַמְתּוֹ שֶׁיַּעֲשֶׂה וְכָל הַכִּבִישׁוֹת שֶׁיִּכְבֹּשׁ - הַכֹּל מִשָּׁם", אַלֶע מִלְחָמוֹת און אַלֶעס וָואס עֶר וֶועט אַיינֶעמֶען וֶועט זַיין נָאר דוּרְךְ תְּפִילָה; מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט אִין דִי וֶועלְט יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועט שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים און נֶעבְּן אִים. מֶען וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס עֶר דַארְף, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (צְפַנְיָה ג, ט): "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה, לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'"; און יֶעדֶער וֶועט זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָהוּ נב, ח): "כִּי עַיִן בְּעַיִן יִרְאוּ בְּשׁוּב ה' צִיּוֹן".

אַלֶע דִּבּוּרִים וָואס מִיר רֶעדְן אִיז פון דִי לִמּוּדִים וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רסו): "צְוִוישְׁן מִיר און מָשִׁיחַ אִיז נִישְׁט דָא קֵיין חִילוּק, נָאר אֵיין חִילוּק אִיז דָא, בַּיי מָשִׁיחַ וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין קֵיין בְּחִירָה און יֶעצְט אִיז נָאךְ דָא דִי בְּחִירָה"; דָאס טוּט שׁוֹין דֶער רֶבִּי יֶעצְט מִיט אוּנְז, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין און אוּנְז אַזַא גֶעטְלִיכְקֵייט און אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט אַז מִיר שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז, בַּיי אוּנְז און נֶעבְּן אוּנְז. און אֵיינְמָאל אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֵייבְּט עֶר אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה דִי זַאךְ פון הִתְבּוֹדְדוּת; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, עֶר גֵייט אוֹיף אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט און הֵייבְּט אָן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט אַלֶעס פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט דָאס דֶערְצֵיילְט פַּאר אַ גוּטֶער חַבֵר - אִיז דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ. בַּיי אִים וֶוערְט מְקֻיָּם דָאס וָואס שְׁטֵייט (וַיִּקְרָא כו, יב): "וְהִתְהַלַּכְתִּי בְּתוֹכְכֶם, וְהָיִיתִי לָכֶם לֵאלֹהִים וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי לְעָם", זָאגְט אוֹיף דֶעם רַשִׁ"י: " אֲטַיֵּל עִמָּכֶם בְּגַן עֵדֶן כְּאֶחָד מִכֶּם וְלֹא תִהְיוּ מִזְדַּעְזְעִים מִמֶּנִּי", מֶען שְׁפַּאצִירְט כִּבְיָכוֹל מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען רֶעדְט צוּ אִים שְׁפַּאצִירְנְדִיג, אָה מַמָּשׁ גַּן עֵדֶן אַלֵיינְס!

עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין זִיסֶערֶע זַאךְ וִוי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים און נֶעבְּן אִים; עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶס אִיז מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ און עֶר רֶעדְט מִיט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ פָּנִים אֶל פָּנִים. וואויל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט און וואויל אִיז אִים לְעוֹלָם הַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פִּנְחָס תשע"ט)

# נייעס איינערהאלב מוסדותינו הק'

# אנשי שלומינו גרייטן זיך שוין צו אומאן ראש השנה תשפ"ה

מיט גרויס התרגשות גרייט מען זיך צום קומענדיגן ראש השנה צו קומען וויילן ביים הייליגן רבי'ן אין אומאן, ווי ער האט געבעטן און געפאדערט פון אלע וואס גלייבן אין אים. דער ראש ישיבה דערמאנט כסדר אין די דרשות אין די טעג מען זאל נישט זיין קיין בטלן און שוין באשטעלן טיקעטס, און זיך באזארגן מיט שפעזן.

אין די לעצטע יארן האבן זיך די צאל אידן וואס קומען אויף ראש השנה צום הייליגן רבין שטארק צוואוקסן, און דער גרויסער זעקס שטאקיגער בנין וואס מען האט נישט לאנג צוריק געבויעט מיט פלאץ פאר הונדערטער געסט איז שוין ב"ה אויסגעוואקסן. עס ווערן טאקע געמאכט פלענער צו בויען א פרישע בנין, אבער ביזדערווייל קען מען זיך ממש נישט אן עצה געבן פון גרויס ענגשאפט אין פלאץ.

בעיקר האט זיך עס אנגעזען אינעם עס זאל וואס אין די לעצטע עטליכע יאר האט מען שוין מער נישט געקענט דארט פראווען די סעודות שבת ויום טוב, און מען האט געמוזט בלית ברירה פארוואנדלען דעם גרויסן היכל הבית המדרש אין א עס זאל, אבער היי יאר וועט שוין דאס אויך נישט מעגליך זיין צוליב דעם געוואלדיגן ריבוי עם קע"ה.

דערפאר האט דער ראש ישיבה שליט"א באשלאסן נאך אסאך התבודדות אז אויף היי יאר וועט מען אויפבויען א גרויסן ריזיגן שאטער וואס וועט הייסן "אהל הרחבת הדעת", נעבן דעם יעצטיגן בנין, וואס דארט וועט מען בעז"ה פראווען די סעודות שבת ויום טוב בשבת אחים. דאס יאר איז עס נאך מער וויכטיג צוליב וואס ראש השנה געפאלט אויס דאנערשטאג און פרייטאג, און דער יום טוב וועט זיך אריינציען אינעם שבת קודש, וואס אנשי שלומינו בראשות פונעם ראש ישיבה שליט"א וועלן אינאיינעם אפרעכטן אינעם גרויסן געשמאקן שאטער מיט הרחבת הדעת.

אין די יעצטיגע טעג געפונען זיך גרויסע קאנסטראקשן טראקטארן אויפן שטח ווי זיי מאכן דעם שטח פלאך און גרייט, דערנאך וועט מען בעז"ה אויספלאסטערן דעם שטח מיט בעטאן, אויף וואס מען וועט בע"ה אויפשטעלן דעם גרויסן שאטער.

דער זכות פון דעם גרויסן "אהל הרחבת הדעת" איז געקויפט געווארן דורך די עסקנים פונעם רענט קאמפיין מו"ה שבתי מארקוס הי"ו און מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו.

אז מען רעדט שוין פון קויפן טיקעטס קיין אומאן איז כדאי צו דערמאנען דאס וואס דער ראש ישיבה שליט"א דערמאנט לעצטנס פילע מאל אין די דרשות און פאדערט שטארק אויף מען זאל זיך נישט מאכן קיין חובות אפילו אויף צו פארן צום רבין. דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אז אפילו איינער האט בשום אופן נישט קיין געלט צו פארן, איז עס נישט קיין תירוץ ער זאל די לעצטע מינוט זיך אנבארגן געלט, נאר עס איז נאך דא גענוג צייט - זאגט דער ראש ישיבה - און מען קען גיין נאך געלט און בעטן אידן זאל צוהעלפן מיט'ן צאלן דעם טיקעט. אידן שפירן פאר א זכי' ארויסצוהלעפן אן אנדערן איד צו פארן צום הייליגן רבין, און רופן זיך אן זייער ווארעם.

**ראש השנה שלי עולה על הכל!**


## סימן טוב ומזל טוב

החתן **שלמה בריסק** הי"ו קרית יואל
צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ג
***
מו"ה **עקיבא חיים גוטפרב** הי"ו בית שמש
צום געבורט פון א אינגל למזל טוב
***
מו"ה **דוד סאמעט** הי"ו בית שמש
צום געבורט פון א מיידל למזל טוב

## ליקוטי מוהר"ן

א נייעם שיעור אין הייליגן ספר ליקוטי מוהר"ן פארגעלערנט דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א, מיט טעם און געשמאק, כאפט אייך מיט און איר וועט זיך ממש מחיה זיין.
**קול ברסלב**
**212-444-9191**,1,3,7

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידו"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**347-509-4908**
און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעצעפיס; און נאך**
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 / קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com** / טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**